

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' בחקותי
תשפ"ב לפ"ק
גליון רכ"א

## פראגע

**די סיבה צום האלאקאוסט איז געווען ווייל דער דור איז אוועקגעפאלן און פארלאזט דעם אויבערשטן. לויט דעם, איז דא עפעס האפענונג פאר אונזער דור?**

## ענטפער:

**עס** איז דא **אסאך האפענונג**. ס'איז א גרויסער חילוק צווישן די מצב פון אמעריקאנער אידן און די מצב פון די מזרח-אייראפעאישע אידן בעפאר די צווייטע וועלט מלחמה.

איך וועל אייך איבערזאגן וואס א גרויסער מענטש האט אמאל געזאגט וועגן דעם. איך בין געווען אין סלאבאדקע און איך האב עס געהערט פון אים.

ער האט געזאגט, אמעריקאנער אידן גייען **בארג ארויף**, זיי ווערן בעסער. נישט אלע, רוב אידן זענען פארלוירן געגאנגען, אבער עס איז דא א שטארקע חלק וואס ווערט בעסער, און זיי פארבעסערן זיך אויף א וועג וואס איז קיינמאל נישט געזען געווארן אין אמעריקע. עס איז א פתח תקוה, א גרויסע טיר פון האפענונג.

מען קען טרעפן אסאך פרומע, יונגע משפחות. מענטשן האבן קינדער און זיי לעבן אין חרד'ישע געמיינדעס. עס איז דא א ווארימקייט וואס איז קיינמאל נישט געווען, חומרות און יראת שמים, ישיבות. אודאי איז עס א טראפ אים ים קעגן וואס עס פעלט אויס פאר אמעריקע, אבער עס איז א געוואלדיגע אויפרייס פון תורה! עס איז נישט קיין שאלה אז זיי גייען בארג ארויף! און לאמיר האפן אז זיי וועלן אנהאלטן און אפשר וועט איין טאג יעדער צוריקקומען צו תורה אין אמעריקע.

אין אייראפע אבער איז מען געגאנגען **בארג אראפ**, און זיי זענען אראפגעגאנגען **שנעל**. זיי האבן זיך אראפגעקוילערט דעם בארג אויף גאר א שנעלע ראטע, זיי זענען געווארן ערגער און ערגער.

איינער האט דעמאלטס געזאגט, "ס'איז אמת אז ענק אין אמעריקע גייען ארויף דעם בארג און די אייראפעאישע אידן קוילערן זיך אויף אראפ, אבער עס וועט נאך נעמען א לאנגע צייט ביז מען טרעפט זיך אינדערמיט." דאס איז וואס מ'האט דעמאלטס געזאגט.

דאס מיינט אז אויב האט מען גאנצע שטעטלעך וואו רוב פון די אידן האבן פארמאכט זייער געשעפטן אום שבת – אזוי פלעגט עס זיין אין פוילן, ליטע און גאליציע. אין רוב שטעטלעך האבן רוב אידן פארמאכט זייערע געשעפטן שבת. ווען איך זאג **רוב**, דארפט איר פארשטיין אז דאס אליינס איז געווען א **טראגעדיע**. ווייל ביז די ערשטע וועלט מלחמה איז נישט געווען **קיין איין** איינציגע אידישע געשעפט וואס זאל זיין אפן שבת! פונקט ווי אין אמעריקע בעפאר די ערשטע וועלט מלחמה איז קיין איין געשעפט נישט געווען אפן להבדיל זונטאג. אין אמעריקע איז אלעס געווען פארשפארט זונטאג! אזוי איז אמאל געווען ביי אידן אין אייראפע אז קיין איין געשעפט איז נישט געווען אפן שבת.

אבער דאן האט זיך איין געשעפט געעפנט שבת אין אידישע שטעטלעך, און נאך איינס. און איר דארפט פארשטיין וואספארא טראגעדיע דאס איז געווען. ווייל די יוגנט פלעגן זיך ארומדרייען דעם געשעפט. דאס געשעפט איז געווען א צענטראלע אינפעקציע פאר'ן גאנצן שטעטל; זיי האבן זיך געקוילערט אויף אראפ. וועגן דעם האט מען געזאגט אז עס וועט נעמען א לאנגע צייט פאר די אידן אין אמעריקע צו דערגרייכן דעם מצב אז רוב אידן היטן שבת.

אבער דער אויבערשטער קוקט אויף די **דירעקציע**. דירעקציע איז זייער א וויכטיגע זאך. צו וואו ביזטו געריכטעט? וואו גייסטו?

דא איז דא אן עם הארץ, ער האלט נישט צופיל פון די תורה, ווייל ער ווייסט פשוט נישט, אבער ער ווערט נענטער צו די תורה, זיין ריכטונג איז אויסגעדרייט צו די תורה, ער וויל ווערן בעסער. פון די אנדערע זייט איז דא אן ערצויגענער איד וואס האלט אלעס, אבער זיין ריכטונג

איז אוועקגעדרייט פון די תורה; מען זעט אז ער איז אויסגעדרייט אויף ארויס, זיינע קינדער טוען שוין ווייניגער ווי אים.

**דער איבערשטער נעמט מער אין חשבון די ריכטונג וואס די ביזט, נאך מער ווי די זאכן וואס דו טוסט.** צו וואו איז דיין נאז אויסגעדרייט? דער מענטש איז געריכטעט אויף פאראויס, צום איבערשטן, און דער אנדערער איז אויסגעדרייט פונעם איבערשטן. עס מאכן א ריזן חילוק!

דער אמעריקאנער אידנטום איז אין א גרויסן זין אויסגעדרייט צום איבערשטן, און דערפאר איז דא האפענונג. אודאי מיינט עס נישט אז מיר קענען זיך אנלאנען און זיך אפרוען, אבער עס שפילט זיך אפ זייער א **גרויסע ערשיינונג** דא.

אויב איר געדענקט דרייסיג יאר צוריק האט גארנישט פון דעם עקזיסטירט. קיינער האט נישט געחלומ'ט אז דאס גייט פאסירן. היינט איז דא א יוגנט! עס איז דא א גרויסער ציבור, עס זענען דא אסאך ערליכע אידן. עס איז קיינמאל נישט געווען אזא זאך דא אין אמעריקע.

עס איז דא היינט א געוואלדיגער טויש אין די אמעריקאנער אידנטום. עס ווערט נאכגעמאכט אויף א קלענערע אופן אויך אין ענגלאנד, דרום אפריקע און אויסטראליע. אין יענע מדינות איז עס נישט אזוי סאך ווי דאך, אבער עס איז א באגריסנדע ערשיינונג. לאמיר האפן אז אלס שכר וואס מיר זענען אויסגעדרייט צום איבערשטן, וועט עס הקב"ה נעמען אין באטראכט און אונז געבן לאנגע און פרייליכע יארן צו קענען מער און מער מצליח זיין דא.

## דער פליכט צו שיקן פעטיציעס

### שארפע ווערטער ארויסגענומען פון א שיעור פונעם רב זצ"ל בנוגע א נושא וואס איז געווען דעמאלטס עומד על הפרק

**מענטשן** זאלן וויסן אז עס איז זייער פליכט צו טון עפעס וועגן דעם. די מינימום וואס מען קען טון איז צו שרייבן בריוו.

מענטשן וואס זענען נישט צוגעוואוינט צו שרייבן בריוו זאלן זיך צוגעוואוינען, ווייל עס איז וויכטיג זיך איינצוואוועקן און וויסן אז יעדער מוז צולייגן א האנט אין די מלחמה קעגן די רשעות'דיגע פלענער.

מענטשן וואס ווילן נישט שרייבן בריוו נאכן ווערן געבעטן עטליכע מאל אז זיי זאלן שרייבן, דרייען זיך ארויס פון זייער פליכט אין עבודת ה'. זיי זענען פאררעטער צו די מיסיע פון כלל ישראל. עס קאסט 29 צענט צו שרייבן א בריוו, און אויב איר קענט עס נישט טון מיינט עס אז עס גייט אייך נישט אן גארנישט. עס זענען דא מענטשן וואס רעדן דערוועגן אבער טוען גארנישט.

אויב איר האט נאכנישט געשריבן קיין בריוו, ווייזט עס אז איר זענט נישט קיין מענטש מיט א נשמה. ווען מיר האבן ארויסגעלייגט פעטיציעס אויפ'ן טיש אז מענטשן זאלן עס אונטערשרייבן זענען געווען מענטשן וואס האבן עס אוועקגעמאכט. זיי זאגן "עס גייט סיי־ווי נישט העלפן." די שאלה איז, וואס וועסטו פארלירן פון אונטערשרייבן? עס קאסט דיר עפעס געלט?

דער תירוץ איז, ער נעמט נישט קיין חלק מיט כלל ישראל. ער דרייט זיך ארויס! ער איז א פורש מן הציבור, און אלע ברכות וואס וועט קומען אויף כלל ישראל וועט נישט קומען אויף אים.

אויב איר פארפעלט אנטיילצונעמען אינעם פאראייניגטן פראנט צו העלפן כלל ישראל, וועט איר אויך נישט אנטיילנעמען אין די ברכות פון כלל ישראל. עס איז זייער א גרויסע סכנה; ווען א מענטש האט א געלעגנהייט בלויז אונטערצושרייבן א פעטיציע – עס קאסט נישט קיין געלט אדער כח, אבער ער וויל ווייזן אז ער איז אנדערש; ער טוט נישט וואס יעדער טוט, ער גייט נישט נאך דעם ציבור – אבער ער שרייבט נישט אונטער, איז עס א שרעקליכע פארדאמונג אויף אים, אויף זיין כאראקטער, אויף זיין פארבינדונג מיט'ן איבערשטן.

יעדער איינער זאל שרייבן בריוו! דאס איז די מינימום וואס איר קענט טון! און דער איבערשטער וועט זיין אז מיר פרובירן עפעס צו טון און ער ווערט זאגן, "בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו" – אין די וועג וואס א מענטש וויל גיין פירט מען אים. און דער איבערשטער וועט העלפן.

דערפאר איז מורא'דיג וויכטיג פאר יחידים צו וויסן אז זיי האבן אן אחריות. דו קענסט נישט זאגן זאלן די פאליטיקאנטן אדער רבנים אדער אנדערע טון די ארבעט. יעדער יחיד מוז טראגן דעם עול פון כלל ישראל; עס ליגט אויף יעדן איינעמ'ס פריוואטע פלייצעס.

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש), **און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org, **אדער גייט צו** torasavigdor.org. **צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב